אַרייַנגיין דורך מיר, דער וועט געראַטעוועט ווערן;
און וועט אַרייַנגיין און אַרויסגיין, און געפינען
10 פּאַשע. דער גנב קומט נישט אַ חוץ כּדי צו
גנבֿענען און הרגענען און צו פֿאַרדאַרבן; איך בּין
געקומען, כּדי זיי זאָלן האָבּן לעבּן, און אַז זיי
11 זאָלן האָבּן אַ שפע. איך בּין דער גוטער פּאַסטוך;
דער גוטער פּאַסטוך איז זיך מוסר נפש פֿאַר
12 די שאָף. דער געדונגענער, און דער, וואָס איז
נישט קיין פּאַסטוך, צו וועמען עס געהערן נישט
די שאָף, זעט דעם וואָלף קומען, און פֿאַרלאָזט די
שאָף, און אַנטלויפֿט; און דער וואָלף פֿאַרציקט און
13 צעשפּרייט זיי; ער אַנטלויפֿט, ווייל ער איז אַ געדונ־
גענער, און עס קימערט אים נישט וועגן די שאָף.
14 איך בּין דער גוטער פּאַסטוך, און איך קען די מייַניקע,
15 און די מייַניקע קענען מיך, ווי דער פֿאָטער
קען מיך, און איך קען דעם פֿאָטער; און מייַן לעבּן
16 לייג איך אַנידער פֿאַר די שאָף. און אַנדערע שאָף
האָבּ איך, וואָס זענען נישט פֿון דעם דאָזיקן הויף;
זיי מוז איך אויך פֿירן, און זיי וועלן הערן מייַן
קול; און עס וועט ווערן איין סטאַדע, איין פּאַסטוך.
17 דערפֿאַר האָט דער פֿאָטער מיך ליבּ, ווייל איך לייג
אַנידער מייַן לעבּן, כּדי איך זאָל עס ווידער נעמען.
18 קיינער נעמט עס נישט אַוועק פֿון מיר, נאָר פֿון
מיר אַליין לייג איך עס אַנידער. איך האָבּ רשות
עס אַנידערצולייגן, און האָבּ רשות עס ווידער
צו נעמען. דאָס דאָזיקע געבּאָט האָבּ איך בּאַקומען
פֿון מייַן פֿאָטער.

19 ווידער איז געוואָרן אַ מחלוקה צווישן די ייִדן
20 צוליבּ די דאָזיקע ווערטער. און אַ סך פֿון זיי האָבּן
געזאָגט: ער האָט אַ בּייזן גייסט, און איז אַראָפּ פֿון
21 זינען; פֿאַרוואָס הערט איר אים? אַנדערע האָבּן